ליל שישי פרשת יתרו
י"ט שבט תשפ"ב לפ"ק
01/20/2022

תוכן הענינים

צום פינטל
פון די חבריא
חיזוק געדאנקען
רעקאוועריי שמועסן

מעלדונגען

לכבוד שבת קודש
מיר פרייען זיך ארויס שיקן די וועכנטליכע חיזוק אימעיל לתועלת הרבים.
די וואך איז א מסוגל'דיגע וואך נתקרב ווערן צום הייליגן וועג, צו הייליגע לעבן. די וואך איז כלל ישראל נתקרב געווארן צום הייליגן באשעפער. נאכן מקיים זיין "והתקדשתם והייתם קדושים" זענען זיי געווארן די עם המובחר.
הקריאה מעורר את הזמן. די זמן איז מסוגל צוקומען צו לגיונו של מלך. זיך מאכן גדרים און הרחקות און דורך דעם צוקומען צו די בעסטע לעבן וואס איז נאר שייך.
לאמיר זיך מיט כאפן.
א גוט שבת
****
לגיונו של מלך
מיט שמחה און פרייד זענען אונז מקבל די נייע הייליגע חברים וואס זענען צוגעקומען די לעצטע וואכן צו אונזער הייליגע חבריא, ואלו שמות כינוייהם:

WIZEL
פערלשטיין
אורח
פרום
יוד
I wanna be well
chacham
alefbeisveis
יוסי וויל זיין וואויל
john
צופרידן
ריין
הארץ
shtark dich
davidsss
wantholy
ובכן והוא בחצי הלילהה
לחיים
יוסף גרינבוים
צוויי דיימאנטן
שלמה יהודה שטארק
מאימתי
יענקל 72

יהא בואכם לברכה והצלחה בדרך לטהרה

צום פינטל

וואס איז די טענה אויף אן אדיקט
חז"ל זאגן טאקע "אין אדם חוטא אלא אם כן נכנס בו רוח שטות", נאר וואס דען? די עבירה איז פארוואס לאזטו זיך פון א רוח שטות.
אבער דער וואס איז עדיקעטעט, איז דאס נישט קיין טענה, די טענה איז פארוואס זעסטו זיך נישט ארויס פון דיין עדיקעשען? פארוואס שרייבסטו זיך נישט איין און הד"א וכדומה?...
(קרעדיט: יוסף גרינבוים ( https://hitdanoigen.com/forum/index/2-%D7%A9%D7%9C%D7%95%D7%9D-%D7%A8%D7%9F-%D7%99%D7%99%D7%9E-273517/!D7%9D%D7%9B%D7%99%D7%9C%D7%A2%D7%9C%D7%99%D7%9B%D7%98%D7%99%D7%9C-%D7%95%D7%A6%D7%A2-%D7%96%D7%99%D7%99%D7%99%D7%99%D7%98?limit=40&start=360#280675 ))

פון די חבריא

יתרו לערנט אונז: קומט אריין אין הד"א...
שטייט די פרשה, וישמע יתרו וגו', זאגט רש"י מה שמועה שמע ובא, קריעת ים סוף ומלחמת עמלק.
פרעגן אלע פארוואס שרייבט רש"י פונקט די צוויי זאכן, עס שטייט דאך את כל אשר עשה וגו'.
דער "בית אברהם" פון סלונים ענפערט [כעין זה שטייט פון נאך], אז יתרו האט געזעהן אז נאך די גרויסע התעלות פון קריעת ים סוף וואס ראתה שפחה על הים וכו', נאך אלס קען קומען אזא ירידה ביי אידן ביז עמלק וועט קומען צוזיי. האט ער פארשטאנען אז א מענטשט פאר זיך אליין קען זיך נישט פארלאזן אויף א התעלות וואס ער שפירט, ווייל עס קען קומען א ביטערע ירידה. דערפאר האט ער מחליט געווען קומען צו די מדבר, זיין צוזאמען מיט משה רבינו און אלע אידן, ווייל בזכות הרבים קען די התעלות האבן א תוקף.
*
כלפי מה הדברים אמורים.
יעדער איינער פון אונז האט זמנים פון התעלות, בפרט ווען מ'הייבט אן דא מיט א ברען און מיט א פרישקייט.
אבער, א מענטשט איז נאר א מענטשט, און בדרך הטבע זענען דא ירידות און נפילות. עס קומען שווערערע טעג.
דערפאר טאר א מענטשט זיך נישט סומך זיין אויף די ריינע געשמאקע תקופות, ער דארף זיין גרייט אז עס קענען ח"ו קומען זמנים וואס וועט אים זיין שווער ממשיך זיין אין זיין נייע וועג.
איז עצה טובה קמ"ל, קום אריין צו די סייט, צו הד"א, זיי צוזאמען מיט יודעלעך וואס מוטשענען זיך מיט די זעלבע פראבלעם. דא וועט מען דיר פארשטיין, דא וועט מען דיר פרובירן העלפן, דא וועט מען דיר מחזק זיין, דא וועט מען נאר ארויף קוקן אויף דיר.
כולי האי ואולי וועט דער באשעפער העלפן מ'זאל קענען ממשיך זיין ווייטער, און עיקר שבעיקרים, זיך קענען מחזק זיין און די שווערע זמנים.
(קרעדיט: נישט שפעט ( https://hitdanoigen.com/forum/index/7-%D7%AA%D7%99%D7%91%D7%-D%94%D7%D7%A2%D7%9C%D7%A8%D7%95-%D7%AA%D7%99%D7%99%D7%9E%D7%93%D7%A8%D7%A9/270630-%D7%98%D7%9E%D7%95%D7%A7%D7%96-%D7%A0%D7%95%D7%90%D7%98-%D7%A0%D7%A8%D7%A1%D7%A1%D7%99-%D7%93%D7%9F-%D7%99%D7%9F-%D7%99%D7%99%D7%A8%D7%90%D7%98-%D7%99%D7%99%D7%99%D7%98#270630 ))

חיזוק געדאנקען

דער באריםטער מגיד הגה"צ רבי שלום שבדרון זצ"ל האט ביי זיין טעגליכע שיעור באמערקט איין טאג ווי א בחור וואס פלעגט יעדן טאג אנטייל נעמען ביי די שיעור פעלט שוין עטליכע טעג פון די שיעור.
ר' שלום האט נישט געוויסט וואס איז פשט אז די בחור פעלט, אפשר איז ער נישט געזונט, אדער ווער ווייסט וואס.
ר' שלום האט זיך נישט געפוילט און באשלאסן אראפ צוגיין און באזוכן דעם בחור און זעהן וואס גייט פאר מיט אים.
ווען ער האט אנגעקלאפט אין טיר פון די בחור'ס דירה, איז ער ערשטוינט געווארן זעענדיג ווי די בחור אליינס איז געקומען עפענען די טיר, געזונט און פריש.
"פארוואס זעהט מען דיך נישט ביי די שיעורים לעצטנס? וואס איז געשעהן אז דו קומסט נישט מער"? האט ר' שלום זיך געוואונדערט. "אפשר פילסט דיך נישט גוט אדער וואס"?
"ניין, ניין", זאגט די בחור, "נאר די גאנצע וואך בשעת וואס די רב געט די שיעורים קומט פאר די סאקער שפילעריי פארמעסטן וואס איך וויל מיטהאלטן לעבעדיג פון די ראדיאו, א זאך וואס איך טאר נישט פארפאסן"
"וואס איז דאס סאקער שפיל"? פרעגט די גרויסער מגיד.
"א שפיל וואס איין גרופע מענטשן שפילן אנטקעגן די צווייטע, ווען יעדער גרופע פרובירט ארייןצושטויסן א באל אין די צווייטנס טעריטאריע, אויב געלונגט פאר איינעם ארייןצושטויסן די באל דאן ווערט ער אפלאדירט דורך די מאסן און ער ווערט באטראכט ווי א גאר געלונגענע טשעמפיאן און זיגער"
"אה, אזוי? נו, געב מיר א באל", זאגט ר' שלום, "און איך גיי ארויסגיין שפילן דא אויפן ליידיגן פעלד, איך וועל שטויסן די באל צום וואנט אהין און צוריק צוואנציג מאל און דאן וועט מען מיך אזוי ארויפקוקן פארן האבן געשטויסן די באל אזוי פיל

מאל"...
די בחור צומייכעלט זיך.."די רב האט נישט גוט פארשטאנען, נישט אזוי גייט די שפיל ווען ס'איז נישטא קיין קעגנער איז קיין שפיל ניט דא, קענסט נישט שפילן אליין צום וואנט".
"אהא, דאס איז וואס כ'האב געוואלט הערן, זאלן דיינע אויערן הערן וואס דו זאגסט ארויס פון מויל".
"קומען צום שיעור יעדן טאג ווען קיינער האלט דיך נישט אפ, איז קיין קונץ נישט, אוודאי איז עס א חשוב'ע זאך אבער פארט נישט די זעלבע ווי ווען דו האסט א קעגנער וואס לאזט דיך נישט קומען. ווען עפעס האלט דיך אפ פון קומען צום שיעור און דו קומסט מיט מסירות נפש, דאן ביסטו אן אמת'ע געווינער"...
די בחור איז אנגעווארעמט געווארן פון די שיינע ווערטער פון די מגיד וואס האט מיט זיין חכמה און פארשטאנד צוגערעדט דעם בחור צו קומען צום שיעור. די בחור איז יענע טאג געקומען צום שיעור און ר' שלום האט אים אפגעגעבן דאס גרעסטע כבוד וואס ס'קומט זיך פאר אן אמת'ע געווינער.
*

מ'דארף גארנישט מוסיף זיין, דער מעסעדזש פון ר' שלום איז קלאר פאר יעדעם: ווען עפעס האלט דיך אפ פון גיין צו דיין טעגליכן שיעור, און דו האסט עפעס וויכטיג צו ערלעדיגן דעמאלטס איז עס אן אמת'ע פארמעסט, און אויב האסטו דיך איבערגעשטרענגט און יא געגאנגען צום שיעור, ערשט דעמאלטס ביסטו אן אמת'ע געווינער.
(קרעדיט: עירוב תבשילין ( https://ivelt.com/forum/viewtopic.php?f=3&t=50862&start=3253577#p400 ) )

רעקאווערי שמועסן

חברים דערציילן: בעפאר און דערנאך

אונזער חבר: שיע
ביים סייט: זייט כ"ו חשון תשפ"א
ריין: 463 טעג, איין טאג אויפאמאל
שלום וברכה
זיך צוגעבן א דריי צוריק אין כאפן א בליק ווי אזוי עס איז געווען פאר איך בין אריין און ריקאווערי איז כמעט א טעגליכע ערשיינונג ביי מיר, ווען עס קומט א שווערע מינוט קען איך מיר געבן א שטעל אפ אין מיר פרובירן צו דערמאנען יענע טעג, דאס העלפט מיר אין דאס געבט מיר די כוחות נישט צו וועלן צירוק גיין צו די זעלבע פלאץ.
ווען מיין לעבן איז געווען איין שטיק לאסט וכ"ו דאס האט מיר אנגעפילט מיין טאג, ארום געזיכט נאך און נאך שמוץ אבער נישט געשפירט קיין שום חיות נאר זיך ארום געשלעפט מיט גאר שטארקע שילד געפילן, מיינע געפילן זענען געווען פאראאקט, נישט געקענט זיך מיטפרייען מיט א צווייטען, אין נישט געקענט שפירן די אייגענע ווייטאג אין כ"ש א צווייטנס אדער גאר מיין בני בית אדער קינדער'ס ווייטאג.
די רגע מיין קאפ האט אנגעהויבן לויפן צו שמוץ איז נישט געווען שייך צוריק צו דרייען, נאר ווי א נער בין איך מיט געלויפן. אין פארשטיי זיך, א טאטע צו מיינע קינדער האב איך נישט געקענט זיין, א מאן פאר מיין בני בית איז פשוט נישט געווען מעגליך, מיין קאפ איז געליגען אינגאצען א אנדערע פלאנעט.
איך האב ארום געוואקט נישט ווסינדיג פון גארנישט חוץ לאסט, אין די זעלבע צייט בין איך געווארן מער אין מער צובראכן, פון איין זייט איך קען מיר נישט ארויסדערזעהן דערפון און מיין קאפ האט נישט געזעהן עפעס בעסער ווי עקטן אט אין לאסטן, פון די אנדערע זייט בין איך א ערנסטע אינגערמאן וואס וויל זיין נאהט מיט מיין ווייב וויל פילן א ליבשאפט צו מיינע קינדער וויל קענען ליב האבן גאט אבער עס איז מיר פשוט נישט געווען מעגליך...
מיין קאפ איז נאר געלויפן ווי קען איך טוען דעס, אין ווי קען איך זעהן יענץ, ממש ווי משוגה.
איך האב געלעבט א דאפעלט לעבן וואס האט מיר געמאכט צובראכן אין דיפרעסט וואס וועט זיין מיין תכלית. אזוי איז געווען פאר קרוב צו צען יאר
איך דאנק גאט ברוך הוא יעדע מינוט פון טאג, פארן מיר צושיקן "היט דיינע אויגן" בשעתן סערטשן פאר נישט גוטע פלעצער, אין מיר געגעבן די כוח אין ווילן צו גלייך אריינשפרינגען און זיין גרייט צו טוען וואס מען דארף צו קענען בלייבן ריין.
איך האב די ערשטע זאך אריינגענומען אין קאפ אז איך האב פשוט א קראנקייט וואס דעס שטופט מיך צו שמוץ וכ"ו. און איך קען מיר נישט אליין אויסהיילן, איך קען מיר נישט צוריק האלטן פון דעם נאר מיין ליבער טאטע ער קען, ער איז א שטערקערע כוח פון מיר, אין ווען איך בעט אים באמת אז ער זאל אוועק נעמען פון מיר די תאווה טוט ער עס.
אזוי אויך האב איך אנגעהויבן חזרן מער אין מער די יסוד פון איין טאג אויפאמאל וואס דעס איז פן די שטערקסטע כלים צו קענען בלייבן ריין איך קוק נאר אויף היינט.
צוביסלעך האב איך מיר אנגעהויבן טרעפן מיט מיין עכטע מיך, מיין קאפ איז געווארן קלארער יעדע נאך יעדע ריינע טאג מער אין מער, איך האב אנגעהויסן זעהן און מיר מיינע מעלות וואס איך קען אויסניצן לטובה, אין אזוי אויך איינגעזעהן מיינע חסרונות, אויף וואס איך קען ארבעטען דערויף, איך האב אנגעהויבן צוביסלעך פילן מינע פילינגס, געקענט זיך באמת מיט פרייען מיט מיינע חברים משפחה וכ"ו, אין אזוי אויך געקענט וויינען ווען ווען איך בין אדורך עפעס, זיך געקענט שטעלן דאווענען אן מיין קאפ זאל אוועקלויפן צו לאסט, איך האב אנגעהויבן קענען צוביסלעך בויען א געזונטע רילעשינשיפ מיט מיין בני בית, איר אנגעהויבן קענען פארשטיין אנגעהויבן פארשטיין אירע פילינגס אין באמת קענט מיט פילן מיט איר.

איך גיי אין 12 סטעפ פראגרעם און איך ארבעט די 12 סטעפ וואס דעס מאכט מיר קלאר מיין בליק אויף לעבן און אויף מיין באשעפער מאכט מיר גערינגער שווערע געפילן אויף אנדערע וכ"ו און העלפט מיר ארויס זיין סערין אין סאבער.

ב"ה מיין עבר קען הייגט העלפן אנדערע מיט די הילף פון גאט ברוך הוא, וואס איך האב קיינמאל נישט געקענט גלייבן אז עס קען פאסירן און די זעלבע אז עס וועט אמאל פאסירן איך וועל קענען זיין ריין איין טאג אויפאמאל פאר איבער 460 טעג ממש ניסים.
די עיקר איז די רצון, איך דאנק דיר אויבערשטער פארן מיר געבן די רצון צו וועלן זיין הייגט נאכאמאל ריין און נישט וועלן צוריק גיין צו די אלטע ווייטיגליכע צייטן.

מיר ווילן בעטן אויב איינער וויל זיין א חלק אין שרייבן זיין "בעפאר אין דענאך" מעשה, זאל ביטע ריפלייען צום אימעיל אדער שיקן א אימעיל צו com.gmail@sihagye ( com.gmail@sihagye:mailto )

פאר סיי וועלכע הערה/הילף, אדער צו מנדב זיין אן אימעיל (וואס ווערט געשיקט צו איבער 1000 אדרעסן) און האבן דעם געוואלדיגן זכות צו זיין ממזכי הרבים, ביטע ריפלייען צו דעם אימעיל

דאונצולאודן אונזער "האנטבוך" דריקט דא ( http://guardyoureyes.com/live/ebooks?task=callelement&format=raw&item_id=213&element=f85c494b-2b32-4109-b8c1-083cca2b7db6&method=download ) זיך אראפצוסיינען פון די אימעילס

ר' שלום שבדרון וויל זיך שפילן מיט א 'באל'...